№ 32
12

פאלקס־ביבליאטעק

אידיש

מאָריס קלייף.

# משָלים

(נאָך קרילאָוו'ן)

די צווייטע אויפלאגע

112

1921

מאריס קלייף.

# משלים

(נאך קרילאוו).

Printed in Germany

# פארווארט.

פארשידענארטיג און קוירערוועליש זענען די וועגען און אנטוויקלונג׳ס-מארשרוטן פון דער אידישער ליטעראטור. די משלים, וועלכע דער לעזער באקומט איצט, זיינען אויפגעשריבן געווארן נאך מיט געוויע 30 יאר צוריק און ערשינען זיינען זיי געדרוקטע שוין אויך מיט 16 יאר צוריק, נאר... אין רוסיש. ד. ה. אידיש געטראכט און מיט רוסישע אותיות געדרוקט. אט אזוינע קוריאזן קענען נאר טרעפן ביי דעם אידישן פאלק; און אט ווי דאס האט אויסגעזעהן:

**Басни**
ПОДРАЖАНІЕ КРЫЛОВУ
на еврейскомъ жаргонѣ
ВЪ ДУХѢ ЕВРЕЙСКАГО БЫТА
***Морица Клейфа.***

—

АЛЕКСАНДРІЯ.
1902.

די הילע פון דער ערשטער אויסגאבע.

**РЕБЪ ИЦЕСЪ ЦИМЕСЪ**
(Демьянова уха).

Ихъ бейтъ айхъ,
ребъ Хаимъ.
Ихъ бейтъ айхъ,
майнъ либеръ,
Махтъ **ало**хаимъ,
Хаптъ эпесъ иберъ!

דער משל „ר׳ב איצעס צימעס״.

מיר רעכנען פאר ניט איבעריג צו געבן א קורצן געשיכטליכן איבערבליק פון דעם ענטשטעהן פון די משלים.

אין יאר 1889, לויט ווי דער געערטער אויסאר, איצט פראוויזאר מאריץ קלייף און דאן אפטייקער אין נאווא-פראגע, א דארף נעבן אלעקסאנדריע, חערסאנער גוב. גיט איבער, האט ער אויפגעשריבן צו ערשט דעם משל: „הינט און בעלי בתים״. דער משל איז א לענגערע צייט ארומגעגאנגען אין מאנוסקריפט פון האנט צו האנט, דעם עולם איז עס ניט שלעכט געפעלן געווארן, און לויט דער ביטע פון פריינד און באַקאנטע האט ער אויפגעשריבן נאך משלים, אזוי איז אין יענער צייט

פון אים אויפגעשריבן געווארן: „ר׳ב איצעס צימעס״, „די פאריסענע כלה״, „א קווארטעט״, „א מאלפע און ברילן״, און נאך אייניגע. ניט האבנדיג קיין רוה פון זיינע באקאנטע, דאס ער זאל יעדן איבערשרייבן זיינע משלים, האט ער בעשלאסן זיי ארויסגעבן אין א בעזונדער ביכעל. עס איז אוועק אייניגע יאר, ביז ענדליך, נאך גרויסע מאטערניש מיט דער צענזור וכדומה איז אין יאר 1902 אין אלעקסאנדריע, חערסאנער גוב., אין דער דרוקעריי פון רייכעלסאן ערשינען די ערשטע אויסגאבע. די משלים זיינען זיך גאנץ גוט פונאנדערגעגאנגען, ער האט געגעבן מודעות אין...מעדיציינישע זשורנאלן און דאקטוירים האבן זיך אפגערופן און אויסגעשריבן די אידישע משלים, מיט די רוסישע אותות. עס איז אינטערעסאנט, אז אויך שלום עליכם האט זיך דערוואוסט פון זיי און אויסגעשריבן א ביכעל, און אין א בריף דעם אויטאר דאט ער אויסגעדריקט זיין פארוואונדערונג פארוואס די משלים ערשיינען ניט אין אידיש. און פארוואס זיי זענען דאן און נאכדעם ווען זיי האבן שוין אויסגעהאלטן פיר אויסגאבעס פארביי אומבאמערקט—בלייבט א רעטעניש.

לויט אונזער השערה זענען די משלים לויט דער צייט פון זייער אויפשרייבן די ערשטע משלים נאך קרילאוו׳ן אין אידיש. (אין העברעאיש זענען קרילאוו׳ס משלים נאך פריער אין פארשידענע זשורנאלן געווען געדרוקט). און ס׳איז צו באוואונדערן די זאפטיגקייט און פאלקסטימליכקייט פון זיי אין דער צייט ווען דער שעפער קען קוים אידיש ריידן, שוין נישט ריידענדיג, וואס ער איז אבסאלוט ניט באקאנט מיט דער אידישער ליטעראטור.

מיר האפן, אז אונזער קריטיק וועט זיך ערנסט פארנעמען מיט דער אויסגאבע, ווייל זי גיט אויף פיל א טראכט צו טהאן, און אין די ערשטע קוועלן, וואו זיי זענען מיט רוסישער טראנסקריפציע געדרוקט גיבן זיי פיל מאטעריאל פאר פאלקלאר פון יענער עפאכע ווען זיי זענען געשריבען געווארן.

מיר האבן דא אין פיל ערטער שפראכליך אויסגעבעסערט און אנדערע זאבן פיל ארויסגעלאזן און פיל אויפסניי בעארבייט.

מיר האפן אז די משלים וועלן אריין אין יעדער אידיש הויז, בסבר פנים יפות וועלן זיין באגעגנט ווערן אין דער אידישער שול, פאר וועלכע עס קומט צו א אריגינעלער אוצר פון אמת אידישע, ניט געקינסטעלטע פאלקסטימליכע משלים.

די משלים אין „קוריעזן״ רוסיש האבן אויסגעהאלטן פיר אויסגאבן און מיר האפן אז אידיש וועלן זיי נאך אין א גרעסערער צאל פארשפרייט און געלעזן ווערן

די רעדאקציע.

# ר׳ב איצעס צימעס.

— איך בעט אַייך ר׳ב חיים
איך בעט אייך מיין ליבער
מאכט א לחיים,
כאפט עפעס איבער:
א שטיקעלע הערינג
רעטאך מיט שמאלץ,
אדער גאָר נעמט פעטשא
מיט א קאפעטשקע זאלץ;
א ברעקעלע לעבער מיט ציבל—
— אדאנק אייך ר׳ב איצע,
נאר האט קיין פאראיבל,
ווארימעס האב איך דאך
היינט שוין געגעסן!—
— ווייס איך, געגעסן?
איר׳ט געמעגט שוין פארגעסן!
אט האט איר איאיכ׳ל
איך זאָג אייך א מאכל,
ס׳איז פשוט גאר א מחיה.
א בריה איז טאקי מיין חייה!
— אך, דולט ניט, ר׳ב איצע, קיין מוח.
וואס ווילט איר?—אז כ׳האב ניט קיין כח·
— א ביסעלע קאשע
א שטיקל געבראָטן.

ס'איז פריש און געשמאַק,
און טאקי געראָטן.
— ר'ב איצע, איך בעט אייך מיר גלויבן
אז אפילו געבראָטענע טויבן,
קען איך איצטער ניט עסן.
— נו, און אביסעלע צימעס,
דאס'ט אייך אוודאי ניט שאטן?
— אי, צעפעט זיך אָפּ'עט—
ענטפערט אים חיים,
און מאכט אים אין טאַטן
עד לשמים...
און כדי ער זאל ניט בעטן
און מער אים ניט גלעטן,
האט אונזער ר'ב חיים
גענומען רגלים.
געמאכט אויפנ'אָרט,
טאקי פון דארט,
די אמת'ע פליטה.
אזוי איז געוואָרן פון דאמלסט עד היום,
ברוגז ר'ב איצע מיט חיים.

---

איך מיין,
די מעשה גיט אונז צו פארשטעהן,
אז אמאָל קען ווערן אונז נמאס,
אפילו ווארעניקעס, קוגל און צימעס...

---

# א ראק, א קאץ און א קאטשקע.

עס האָבן אמאָל חברותא געמאַכט
א ראק, א קאץ און א קאטשקע.
שטעלט אייך נאר פאר,—
זיי האבן געטראכט—
מיט סחורה שלעפן א טאטשקע:
זיי האבן גיהאט זיך אין זינען,
פשוט פרנסה פארדינען.
עס וואלט אפילו געווען
ניט קיין נארישע זאך,
ווען זיי וואלטן געארבייט אין שלום:
די קאץ אבער שפרינגט אויפ'ן דאַך,
די קאטשקע רייסט זיך אין וואסער,
און דער ראק, ער מאכט „עושה שלום"!..
ווער איז דא שולדיק, און ווער איז גערעכט
פון די אלע חברים?
פרעגט מיך, איך בעט אייך, בחרם;
נאר דערווייל שטעהט די טאטשקע עד היום
און רירט זיך ניט פון ארט,
כאטש שריי „חי וקים"!.

אז צווישן חברים ווערט נאר אויס שלום,
ווערט פון דער חברותא
ניט מער ווי א חלום.

---

# א הון און א פערל.

א הון אויפן מיסט
האט א פערל געפונען,
און האט זיך צעלאכט מיט איר שטים;
— „אט דאס איז דער פערל,
דער טייערער פערל,
וואס מ׳רייסט זיך, מ׳בייסט זיך,
מ׳שמד׳ט זיך פאר אים?
ניין,
איך קאן דאס גארניט פארשטעהן,
איך קאן עס ניט פארגעסן
די שטות׳ערייען פון מענשן;
מיט וואס זיי טוען זיך בענשן,
ווערליק אויף מיר
איז גערשטן און האבער אסך בעסער פון אים.
און טוט זיך א לאך
דער פערל איז אמת בעסער א סך
אבער
די האָבער
זיי קען מען דאך עסן...

פאר׳שטעהן דעם משל איז דאכט זיך מיר גרינג:
ביי אנ׳עם האָרץ איז נאריש און קליין
אלעסדינג,
אויף וואס ער טוט ניט פארשטעהן...

# הינט און בעלי-בתים.

שבת צו נאכט,
ארום זייגער אכט,
פארעדט און פארטראכט
זיינען געגאנגען א פאר בעלי־בתים.
אין מיטען דערין
א כלב—א הונט,
הייבט אן צו האווקען
און וויל רייסן דוקא
די בעלי־בתישע פאלעס.
א צווייטער, א דריטער,
א גאנצער געפילדער,
זיי האווקען, זיי בילן,
דער רוח ווייס זיי ווילן!..
איין בעל־הבית
איז געווארן אין כעס,
און חאפט שוין זיין שטעקן,
די כלבים באדעקן
— שאַ, זייט ניט קיין קינד,—
זאגט אים זיין פריינט;
— ניט טשעפעט די הינט,
זיי האבן עס פיינט..
איך זאג דיר בפירוש
פרוב זיך ניט קליגן,

זיי וועלן אין גיכן
אליין ווערן פארשוויגן.
און
ער האט טאקי געטראפן:
עס האט לאנג ניט געדויערט,
זיי האבן געלויערט,
די הינט זיינען זיך אלע
פאוואלע ביז איינעם
צעלאָפן...

---

# א היישעריק און א בין.

א היישעריק, א שפּרינגער,
פון שטענדיג אזינגער,
נאר געזונגען, נאר געלאכט,
ניט געוואוסט פון אנגסט און קומער,
ווען געוועזן עס איז זומער.
דער זומער—אוועק,
דער הארבסט קומט מיט שרעק,
און נאכדעם א ווינטער,
עס איז אומעטיג, קאלט,
און ס'בלייבט דאן פארשוויגן,
דער היישעריק ליגן...
און ווי ביי אנ'עגונה
בעווייזן זיך טרערן;

פון ביטערע חיונה
ער הייבט אן צו קלערן:
צו וועמען געהן? וואוהין?
פון צרות,
ווען ביים הארצן אים פרעסט,
פארקריכט ער צו דער בין:
—„האב אויף מיר רחמנות,
טייערע בין,
ביי מיר איז איצט א שטענדיגער תענית,
נעם מיר ביז זומער אויף קעסט!..”--
— און זומער וואס האסטו געמאכט?—
— ס'טייטש, זומער?—
זינגען פלעג איך טאג און נאכט!
— אזוי? פלעגסט גאר זינגען אין גאנצן,
טא גיי איצטער, זיי מוחל,
ביי דיין שכל,
א פרעהליכ'ס טאנצן!...

---

# א מאלפע און א שפיגל.

א מאל האט זיך אמאלפע אין שפיגל דערזען,
(און א מאלפע איז דאך מיאוס און קארפאטע).
זי אבער גיט נאך א ווינק צו דעם בער
און מאכט זיך בעת מעשה
גאר תמ'עוואטע.

גיב נאר איך בעט דיך, גיב נאר אקוק
אויף דיין מיאוסע, טריפה׳ענע צורה,
דו האסט דאך אפנים כ׳שעם זיך צו זאגן,
ווי אנ׳אלטע פארשייטע ארורה.
כ׳האב טאקי געזען
ווען איך בין געווען,
ניט לאנג דא בא איינעם,
א פארזעהניש ווי דו
בא אונזערע שכנים.
— זיי מיר נאר מוחל,
ענטפערט דער בער,
— זוך ניט בא שכנים
וואס דארפסטו נאך מער
אט גיב זיך א קער
און גיב זיך א ריר
דו אליין ביזט דאך מיאוס
אז ס׳עקלט פון דיר!..

* * *

אזוי האבן מענשן א מאדע
זיי ווערן גאר פלוצלינג נאראָנים
און מאכן זיך גאר כלא ידע
ווען זיי דערזעהען דעם אייגענעם פנים.

---

# אהעלפאנט און א הינטל.

א העלפאנט א גרויסן,
ווי עוג מלך הבשן,
מען האט דורכ'ן געסל געפירט;
א חדוש, א וואונדער,
ס'לויפן טאטעס און קינדער,
עס האט זיך דאס שטעטל גערירט.
נאר מיט א מאל
שפרינגט ארויס פון א ווינקל,
און פאלט אן אויף אים
א קליינינקער הינטל.
ער רייסט זיך, ערווארפט זיך,
ער ווערט אויסגעריסן;
דער העלפאנט ער געהט זיך
און וויל אים ניט וויסן.
— מאך זיך ניט נאריש,
מיין טייערער פריינט;
הינטישע שטיק
האט מען דא פיינט.
דול אים קיין מח
דרעה אים קיין קאפ;—
זאגט אים אנ'אלטער
קודלאטער סירקאפ.[1]

1) א נאמען פון א הונט.

— דו האסט זיך פאר׳סאפּעט,
און שטארק זיך צעכראפּעט,
און ער אבער שווייגט,
און קוקט אן א זייט.
איך זאג דיר:
ס׳אַ בושה פאר גאט,
און א חרפּה פאר לייט!
— ניין,—ענטפערט דאס הינטל;—
— דו האסט ניט קיין שכל,
זיי זשע מיר מוחל,
ווילסט וויסן, פארוואס
איך דרעה מיט׳ן נאז,
און הער אַלץ ניט אויף נאך צו בּילן?—
דאס מאך איך אומיסן
פאר די חברים הינט,
הינט ווי די בערן,—
זאלן זיי קלערן
און זאלן זיי וויסן
מיט מיר זיך ניט שפּילן,
איך בּין שוין קיין קינד!—
אט וועלן זיי זעהן,
אז איך קען
ווי א גרויסער שוין בּילן...

---

# די פאריסענע כלה.

א מאל איז געוועזן א מיידל,
שעהן, בעלבתיש און איידל;
געשפילט האט זי פיאנע,
פראנצויזיש גערעדט,
געלייענט ראמאַנען,
אליין—א פארטרעט.
זומער אויף דאטשעס,
ווינטער—ביים גליטש;
געווען א חכמה
אין קעלט און אין היץ.
און ווייסט איר דאך אלע,
די צייט קומט דאך אָן,
אזוי ווי פרימארגן
דארף קרעהען דער האָן,
דאס מיידל דארף ווערן א כלה!
און דא הויבט זיך אן
דער אמת׳ער ביסן:
עס איז אונזער כלה׳ניו
געוועזן זיך פאריסן...
— איך וויל „נאר א דאקטאר"!...
אשיינעם ברונעט,
אהייכן, אשלאנקן,
מיט וואנסן, לאַרנעט.

מען קלאפּט טעלעגראמעס,
אונ סעודות—מען מאכט;
עס קומען שדכנים
בייטאג און ביינאכט.
אט קומט אן א שדכן:
— איך האב א בוכהאלטער
א צווייטער לויפט אנ׳עט:
— ביי מיר ז׳א פערוואלטער
פון מילן און ברויזן—
א אמת׳ער גליק!
נאר דא קומט צוריק
די פאריסענע כלה;
און געהט זיך ווי אימער
אוועק אין איר צימער.
עס לויפן די יארן,
דאס מיידל ווערט עלטער,
דער פנים ער בלאַסט זיך
חתנים—שוין קעלטער
און דא אויף צו להכעיס,
עס בײנקט זיך נאך נחת,
און אט איז חוה׳ניו
אכלה געווארן.
אצווייטע, אדריטע..
עס לויפן די יאָרן...
און ס׳איז אונזער כלה

צום שכל געקומען:
זי לויפט אויף קאָנצערטן,
זי לויפט צו דער מומען.
נאר ס'העלפן קיין טענות
איר זוכן א מאן;
מען רייכערט דעם אויסטייר,
מען טאָפּלט—נדן...

---

דעם סוף ווילט איר וויסן
פון אונזער מאמזעל?
פון אלע חלומות
געווארן א תל...
א חתן האט זי טאקע באקומען,—
א שניידער „אביסל” א קרומען...

---

# א מאלפע און ברילן.

א מאלפע אין יארן
איז שלאַף אויף די אויגן געוואָרן
זי טוט זיך דאן קנייטשן,
און פּרובט זיך דאן עצה'ן;
מען טוט איר דערצהלן
גאר מאדנע חידושים:
מען דארף ניט קיין קאפּליעס,
מען דארף ניט קיין פּילן;

אז איר קען אויסהיילן
גאָר פּשוטע בּרילן.
— „בּרילן, איז בּרילן"! —
די מאלפּע לויפט גיכער אין קלייטל
און קויפט א האלב צענדליק בּרילן
גאר א מציאה—פאר עטליכע גילן.
זיי ווייס אבער ניט, וואס
מיט די בּרילן צו טהאן;
זי דרעהט זיי אהער,
זי דרעהט זיי אהין,
זי שמעקט מיט דעם נאז,
זי לעקט מיט דעם צונג,
זי גיט זיי א ביס,
זי גיט זיי א כאפּ,—
די בּרילן העלפן אבער קיין קאַפּ.
— ווז איך בין א מאלפּע—
זי האט זיך צושווערט,
מ'דארף, מאכט זי, לאכן
פון די נארישע זאַכן;
די גאנצע רפואה איז ווערט
א וואָרף אָן דר'ערד!...

# א קווארטעט.

אנ'אייזל, אפערד,
א בּער און א ציג:

אט די אלע פארשוינען,
וואס זיינען זיך קלוג,
האבן פלוצלונג חשק באקומען,
שפילן אפריילאכס מזומן;
זיי האבן ביי שכנים אַנטליהען
צוויי פידלען, א באס, א קלארנעט,
און האבן געמאכט דארט אינאיינעם
גאר א מאדנעם קווארטעט.
ס'איז געוואָרן ביי זיי אזא שפּילעריי,
אז טאקי נאר פשוט אַי! אַי! אַי!..
— שא, זאגט די ציג:
ס'איז עפּיס גאר ניט אזוי,
איך ווייס וואס מיר האבן
איצטער צו טהאן:
דו, בער,
זעץ זיך אהער,
דו, פערד—רוּק זיך אהין,
וועט ביי אונז ווערן א פריילאכס
גאר אנ'אנטיק!"
אין מיטן דערין
איז א קלעזמער אהין
גאר אנ'אמת'ער טאקי געקומען.
— זייט זשע נאר מוחל—זאגן זיי אים:
מיר האבן פידלען,
מיר האבן א באס,

מיר האבן אפילו אקלארנעט,
נאר סך הכל ווייסן מיר ניט
ווער ס׳דארף זיצן אין מיט.
זיי ענטפערט דער קלעזמער מיט א שמייכל:
ווערליק מיין שכל
קענט איר זיך זעצן א הין און א הער
פון היינט אפילו ביז מאָרגן,
ווערט כאטש דערשטיקט, ווערט כאטש דערווארגן
ווערט כאטש צעזעצט, ווערט כאטש צעריסן
דארפט איר איין מאל פאר אלע מאָל וויסן:
אז פון פערד,
ציגן און בערן,
קענען קיין קלעזמער ניט ווערן.

---

# א זשאבע און א בהמה.

א זשאבע אין פעלד האט א בהמה דערזען
און איז אים שטארק מקנא געווען,
ווייל זי אליין,
איז כידוע מאגער און קליין,
און ס׳איז איר געווען א גרויסער בזיון,
פאר לייטן זיך צו באווייזן.
— דאס צו פארטראגן—האט די זשאבע געטראכט—
דארף מען דאך זיין
שטארקער פון אייזן.—

און האט דאן פארטראכט,
אין א שטילן פארנאכט
מיט דער גרויסער בהמה פארגלייכן.
זי האט זיך געבלאָזן
זי האט זיך געקוועטשט;
געטאנצט אויף די גראזן,
און צו לעצט,
פון צופיל זיך בלאזן
פון שפרינגען ווי האָזן
האט זי זיך דאס פנים צעראצט,
און
האט אין גאנצן געפּלאַצט.

---

דאס אייגענע טרעפט זיך ווען מיט א רייכן
וויל זיך א קבצן פארגלייכן...

---

# אפיקס און אהאווע.

אין וואלד אויף א בוים,
ביי א קאנאווע;
ז׳געזעסן פארטראכט
די יונגעטשקע האווע.
א היבש שטיקל קעז
ט׳זי געהאלטן אין מויל,
ס׳אפנים פארבייסן

געטראכט האט זי וואויל.
נאר גאט ווייס, פון וואן,
ווי א קויל פון א ביקס,
איז אהינצו גיקומען
די מחותנת׳טע פיקס.
—..שלום עליכם״,
טייערע האווע!
וואס טוסטו דא
ביי דער קאנאווע?
סטייטש!—איך ווייס דאך דיין זיידן,
איך ווייס דאך דיין באבן;
איך ווייס דאך אפילו
וואו ז׳יינען באגראבן
כ׳זאל האבן אזא ברכה,
וואס׳אר אשיינע משפחה
דו, האווע, דו קומסט דאך ארויס!
אזוי, מאכנדיק איר גרויס,
דערווייל האט זיך די האווע,
וואס זיצט לעבם קאנאווע,
צעקוואָלן פון יחוס,
געעפנט די ליפן
און אינגאנצן פארגעסן,
אז די קעז טוט זיך שיטן;
די קעז איז צוריבן
און ס׳איז פארשטעהט זיך—פארפאלן,

ווייל די פיקס איז אויף אים
געוועזן א בעקן.
אַזוי איז די האָווע
ביים יחוס פארבליבן.
—?און די פיקס
די פיקס האט דעם קעז אופגעגעסן.

---

# א פיקס און טרויבן.

די מילדע מחותנת׳טע,
די הונגעריקע פיקס,
האט געמאכט זיך א קניקס,
און איז דורך א פלייט,
וואס געוועזן איז צובראכן,
שטילערהייט
אין גארטן פארקראכן.
זי האט אומעטום,
רינגס אין ארום,
געשמעקט,
געלעקט,
פון אונטן, פון אויבן,
און האט טאקי דערשמעקט
גאר וואוילע און זאפטיגע טרויבן,
טרויבן ווי פערל!

טרויבן ווי גאלד!—
עס האט זיך בעת מעשה
טאַקי נשמע ונעשה,
איר טרויבן פארוואָלט.
נאר דא איז געוועזן
א קליינינקע סרחה:
זי האט געדארפט האבן טרחה
צו די טרויבן דערלאנגען.
און דא פון אויבן,
עס ווינקען די טרויבן,
נא, נעם.
אין הארצן—א קלעם,
נאר וואס זאל מען טאן?
זי דרעהט זיך אהין,
זי דרעהט זיך אהער,
זי גיט מיט'ן פיקסענעם
שכל א קלער:
—די טרויבן—מאכט זי—זיינען טאקי שעהן,
נאר זיי זיינען שטארק זויער
און שעדליך פאר די ציין!..
ע,—מאכט זי—נארישע זאכן,
עס איז צום לאכן,
טרויבן, וואס וואקסן פון אויבן,
זיי זיינען אויף צרות,
אויף טויזנט כפרות.

---

# א בעלבית'טע און א קאץ.

א בעלבית'טע פון קיך
איז געלאפן אויף גיך
איין יאטקע, אין מארק,
מען דארף דאך דעם ווארימעס,
דעם ווארימעס קאכן,
דערווייל, טרעפט אן זי א שכן,
און פרעגט זיך פאנאנדער
פון פלאנקען און קנאכען.
(זי קויפט דאך פון היינט אויף מארגן,
ווי א בעלבית'טע דארף זארגן)
פון א ווארט
א קווארט,
זי לויפט צו איר קצב,
גאנץ גוט איז איר מצב,
און פארעדט זיך מיט ווייבער
וועגן גאלדענע טייבער:
די צייט איז געלאפן
און אין שטוב האט דערווייל
אנ'אומגליק געטראפן:
ווען עס האט זיך געזאלצען
די פלייש מיט די שמאלצען,
דאן האט
די געקעצעלטע קאץ

גענומען פור—פלאץ
א יונגיטשקע דרייבקע;
געכראמסקעט, געביסן,
אויף שטיקלאך צוריסען
(זי וויל זיך פון קיין זאך ניט וויסן
ווען ס'איז קיינער ניטא,
דאן קומט דאך איר שעה).
אוועק פונ'עם ווייקשאל,
זיך גענומען צום טיש.
דארט האט זי גיפונען
גאר מילכיגע פיש.
די געקעצעלטע קאץ,
זי איז דאך קיין נודע,
און פראוועט זיך ווייטער
די קעצישע סעודה.
—א צרה, א שלאק!
וואס זאל זי איצט טהאן?
עס קומט די בעלבית'טע
אין מיטען דעראן.
די בעלבית'טע, מרת חיה,
די שטענדיגע שמעיה.
זי הויבט אן צו טענה'ן,
איר לשון צו מענה'ן,
און ברעכט מיט די פינגער,
און שילט אין די צינגער,

די ציגער די לאנגע,
אונ מאכט דאן געוואלטן
איף די מארקישע ווייבער,
וואס האבן איר פארהאלטן.
און די קאץ?—
ווען די בעלבית׳טע האט געטענה׳ט
און דעם לשון געמענה׳ט,
האט זי גאנץ פיין זיך די ליפּן באלעקט
און שטיל זיך דעם וואַרמעס געעקט.

# א י נ ה א ל ט:


| | | |
|---|---|---|
| פאָרוואָרט . . . . . . . . . . . . . . | זייטל | 3 |
| 1) ר״ב איצעס צימעס . . . . . . . . . . | „ | 5 |
| 2) א ראק א קאץ און א קאטשקע. . . . . . . . | „ | 7 |
| 3) א הון און א פערל . . . . . . . . . . | „ | 8 |
| 4) הינט און בעלי בתים . . . . . . . . . | „ | 9 |
| 5) א היישעריק און א בין . . . . . . . . . | „ | 10 |
| 6) א מאלפע און א שפיגל . . . . . . . . . | „ | 11 |
| 7) א העלפאנט און א הינטל . . . . . . . . | „ | 13 |
| 8) די פאריסענע כלה . . . . . . . . . . | „ | 15 |
| 9) א מאלפע און ברילן . . . . . . . . . | „ | 17 |
| 10) א קווארטעט . . . . . . . . . . . | „ | 18 |
| 11) א זשאבע און אבהמה . . . . . . . . . | „ | 20 |
| 12) א פיקס און א האַווע . . . . . . . . . | „ | 21 |
| 13) א פיקס און טרויבן . . . . . . . . . | „ | 23 |
| 14) א בעל בית׳טע און א קאץ . . . . . . . | „ | 25 |

# פארלאג „אידיש״ קאוונע־בערלין

הויפט קאנטאר: קאָוונע, דאנילאטוס גאס 50.
בערלינער אפטיילונג: וועלט־פארלאג, בערלין, דאָראָטעעענשטר. 35

אין דער פאלקסביבליאטעק „אידיש״ וועלן אריין ווערק פון אידישע און אייראפעאישע שרייבער און דיכטער.

אלע צוויי וואכן ערשיינט א בוך.
ראמאנען, דערציילונגען, לידער־זאמלונגען, פאעמען
דראמאטישע ווערק און קריטיק.

ערשינען:

- נר. 1 ז. סעגאלאוויטש — אסנה — דערציילונג.
- נר. 2 ב. עפלבוים — אין פריען הארבסט. ערציילונג.
- נר. 3 מאריס קלייף — משלים (שול־אויסגאבע).
- נר. 4 ק. זינגמאן — ווען דאס הארץ איז יונג — לידער.
- נר. 5 יונגע אידישע פאעזיע אין רוסלאנד. זאמלונג.
- נר. 6 יוסף בערנסאן — פרילינגס־טויט — איינאקטער. צווייטע אויפלאגע.
- נר. 7 ס. וויקטים — צו שפעט — איינאקטער. „
- נר. 8 ק. זינגמאן — בא דער אזערע — איינאקטער. „

עס דרוקט זיך:

- נר. 9 אסקאר ווייילד — שלומית — טראגעדיע אין 1 אקט.
- נר. 10 בייראן — טשיילד האראלד — פאעמע

און א ריי אנדערע אָריגינעלע און איבערגעזעצטע ווערק.

געדרוקט אין דער „עֶבר״ דרוקעריי / בערלין.